# קרח ה

א. וועגן דער סמיכות הפרשיות (און שייכות) פון „ואני הנה נתתי לך את משמרת תרומתי לכל קדשי בנ״י וגו׳״ [1] — דער ענין פון מתנות כהונה — צו מחלוקת קרח וואס שטייט פאר דעם אין דער פרשה, זאגט דער ספרי (און רש״י ברענגט עס אראפ) [2], אז נאכדעם ווי „בא קרח וערער על הכהונה״ [3] האט דער אויבערשטער געזאגט, אז די כהונה פון אהרן איז ער כותב וחותם ומעלה בערכאין, וואס דאס איז דורך די מתנות כהונה [4].

דארף מען פארשטיין: דאס איז א טעם אויף דעם המשך ושייכות פון די מתנות כהונה צו מחלוקת קרח — וואס איז אבער די שייכות פון ענין המעשר [4*] וואס מ׳גיט צום לוי („ולבני לוי הנה נתתי כל מעשר וגו׳״, וואס שטייט באלד נאך און אין דער זעלבער אמירה פון אני חלקך מתנן דייהבית לך אינון חולקך [5] — מתנות כהונה [6]) — צו מחלוקת קרח?

נאכמער: לכאורה ניט נאר האט דאס קיין שייכות ניט צו מחלוקת קרח, נאר ס׳איז גאר אן ענין הפכי דערפון: מחלוקת קרח איז געווען נאר על הכהונה — „ובקשתם גם כהונה״ [7] — און ניט אויף לוי, ווארום קרח אליין איז דאך געווען א לוי (און נאך פון די חשובים שבהם — בן יצהר בן קהת [8])?

לכאורה וואלט מען געקענט ענטפערן, אז דאס איז טאקע מהאי טעמא גופא: היות אז קרח איז געווען פון שבט לוי און די מחלוקת איז געקומען פון אים און נאך אנדערע פון שבט לוי — דאס גופא וואס זיי זיינען געווען בני לוי [9] איז געווען די סיבה פון זייער טענה ומחלוקת, ווי משה האט צו זיי געזאגט [9*]: שמעו נא בני לוי המעט מכם כי הבדיל אלקי ישראל אתכם מעדת ישראל גו׳ לעבוד גו׳ ויקרב אותך ואת כל אחיך בני לוי אתך ובקשתם גם כהונה — וואלט מען געקענט א טעות האבן און מיינען אז צוליב דעם איז ח״ו געמינערט געווארן פון דער חשיבות

---

1) פרשתנו יח, ח ואילך.

2) עה״פ. ובספרי נשנה גם לקמן פסוק כ.

3) כ״ה בספרי ועד״ז בפרש״י (בא קרח וערער כנגד אהרן על הכהונה בא הכתוב ונתן לו). אבל במדרש לקח טוב: לפי שערער קרח על מתנות כהונה בא הכתוב ללמד לקיים לאהרן ולבניו את המתנות ללמדך כו׳. וראה תנחומא פרשתנו ג. במדב״ר פי״ח ד: התחילו כו׳ להתגרות כו׳ כ״ד מת״כ כו׳.

4) בספרי „לכך נאמרה פרשה זו סמוך לקרח״. אבל בפרש״י מסיים „ולכך נסמכה פרשה זו לכאן״ (ועד״ז במדרש לקח טוב שם), ונתבאר בארוכה בלקו״ש חכ״ג ע׳ 124 ואילך. ואכ״מ.

4*) המדובר בהמשך הפרשה שם כא ואילך.

5) ת״א שם (שהוא קרוב לפשש״מ יותר מתיב״ע — שתרגם „אנא חלקך״).

6) בפשטות הי׳ אפ״ל (בהמשך להנ״ל) דמכיון דתרומת מעשר מן המעשר היא א׳ מכ״ד מתנות כהונה, הוצרך להקדים תחלה מצות נתינת מעשר ללוי. אבל לפי״ז קשה דמצות מעשר נאמרה בהמשך ובתוך הדיבור (לאהרן) * ע״ד מתנות כהונה (ובוא״ו המוסיף), ותרומת מעשר נאמרה בדיבור (ובפרשה) בפ״ע — ולמשה (יח, כה). וראה לקמן הערה 13.

7) טז, יוד.

8) ריש פרשתנו. ואדרבא זה גרם שבא „לחלוק עם משה״ (פרש״י שם ד״ה ודתן).

9) (או ראשי סנהדראות) ע״ד טלית שכולה תכלת — שלדעתם א״צ לציצית — (ראה פרש״י ר״פ קרח ד״ה ודתן).

9*) טז, ח ואילך.

---

*) ולהעיר שבפסוק כ נאמר עוה״פ (נוסף על תחלת הפרשה בפסוק ח) ויאמר ה׳ אל אהרן.

און תפקיד פון שבט לוי; דעריבער האָט דער אויבערשטער צוזאַמען מיטן ציווי אויף מתנות כהונה אָנגעזאָגט אויך אויף געבן מעשר לבני לוי כו׳, וואָס דאָס לערנט אונז אַז די בני לוי זיינען געבליבן בחשיבותם[10].

ס׳איז אָבער שווער אַזוי צו זאָגן, ווייל פון דעם וואָס די תורה זאָגט דעם ענין פון מעשרות בהמשך צו מתנות כהונה, און דערצו נאָך מיט אַ וא״ו המוסיף[11], איז משמע, אַז אויך די שייכות פון ענין המעשר ללויים צו מחלוקת קרח איז אין דעם זעלבן אופן ותוכן ווי די שייכות פון מתנות כהונה צו מחלוקת קרח, דהיינו צו מדגיש זיין מלכתחילה מעלת לוי׳[12] און ניט (נאָר) צו באַוואָרענען שלילת המעלה[13].

אויך: ווייבאַלד אַז אַלע עניני התורה זיינען בתכלית הדיוק, דאַרף מען זאָגן, אַז די שייכות פון מתנות כהונה ולוי׳ צו מחלוקת קרח איז ניט נאָר אין אַן אופן כללי (אַז מתנות כהונה איז אַ סימן סתם וראי׳ צו מחזק זיין כהונת אהרן נאָכן ערעור[14]), נאָר אַז דער אינהאַלט פון מתנות כהונה ולוי׳ האָט אַ שייכות צו מחלוקת קרח[15] און גיט אַן ענטפער אויף טענת קרח.

ב. שוין גערעדט אַמאָל באַרוכה[16] אין דעם וואָס עס שטייט אין נועם אלימלך[17], אַז דער ענין פון קרח — וואָס דער תרגום[18] טייטשט „ואתפלג קרח״ — איז ע״ד ווי דער רקיע המבדיל בין מים למים[19], אָפּטיילן און אָפּשיידן צווישן עליונים און תחתונים; און אין דעם איז באַשטאַנען זיין מחלוקת אויף כהונת אהרן:

ווייבאַלד אַז אַ כהן איז אינגאַנצן אָפּגעשיידט פון עניני העולם, ער איז פאַרנומען נאָר מיט קדושה[20] זאָכן — ובלשון הכתוב[21] ויבדל אהרן להקדישו קודש קדשים הוא ובניו,

ובפרט (אהרן) אַ כהן גדול אויף וועמען עס שטייט[22] „ומן המקדש לא יצא״ — איז „מדוע תתנשאו על קהל ה׳״[23] — היינט ווי אַזוי און פאַרוואָס

---

10) להעיר משי״ך עה״ת פרשתנו יח, כו.

11) ולבני לוי גו׳ (יח, כא).

12) להעיר שגם שם נאמר „ולבני לוי הנה נתתי״ ובספרי שם „אין הנה אלא שמחה״ כבספרי ופרש״י שם, ח במתנות כהונה. וראה לקו״ש חכ״ג הנ״ל.

13) בפשטות י״ל שסמיכות מתנות כהונה וכן מעשר ללוי מובנת מעצמה, כי בא בהמשך לפרשה שלפנ״ז (יח, א ואילך) „אתה ובניך ובית אביך אתך תשאו את עון המקדש גו׳״ (שהוא מענה לבנ״י (יז, כז-כח) „הן גוענו גו׳ כל הקרב הקרב אל משכן ה׳״) „וגם את אחיך מטה לוי גו׳ הקרב אתך גו׳ ושמרו גו׳ לעבוד גו׳״. וכמפורש בהפסוק (יח, כא-ב), „ולבני לוי הנה נתתי כל מעשר בישראל גו׳ חלף עבודתם גו׳ ולא יקרבו עוד בנ״י אל אוהל מועד גו׳״ ועד״ז הוא במתנות כהונה (כמ״ש במפרשי התורה — ספורנו יח, ח. אוה״ח שם. ועוד. ולהעיר מספרי שם, כא דעת ר׳ יאשי׳). אלא שבספרי (ופרש״י) מתרצים האריכות הגדולה בפרטי מתנות כהונה ולא כללות הענין שניתנו לו מת״כ — שהביאור הוא משל למלך כו׳, לבטל ערעור קרח „ולכך נסמכה פרשה זו לכאן״.

14) ובפרט שע״ז כבר היתה ההוכחה מזה ש„פרח מטה אהרן״ (יז, כג) וניתן „למשמרת לאות״ — „לזכרון שבחרתי באהרן הכהן״ (רש״י שם, כה).

15) להעיר ממדרש לקח טוב שבהערה 3.

16) ראה לקו״ש ח״ח ע׳ 116 ואילך, וש״נ.

17) הובא ונתבאר באוה״ת פרשתנו ע׳ תרצז, תשכג. ד״ה כל פטר רחם תרכ״ז. ועוד. ע״פ זח״א יז, א ואילך — הובא גם בצרור המור כאן.

18) הובא בפרש״י.

19) בראשית א, ז. וראה אוה״ת שם ח״ג תצו, ב ואילך.

20) ל׳ הפרשה והבדלה (ראה תו״כ ופרש״י ר״פ קדושים. תניא פמ״ו. אגה״ת פ״י. ועוד).

21) דה״א כג, יג.

22) אמור כא, יב.

23) טז, ג.

דאַרף זיין די השפעה פון דער התנשאות וקדושת אהרן אויף אידן (על קהל ה'), אַז אויך זיי זאָלן זיך אויפהויבן צו זיין מובדל פון עניני העולם, בשעת אַז זייער עבודה איז צו פאַרנעמען זיך מיט דברים גשמיים און מאַכן פון זיי כלים צו אלקות.

און דעריבער איז זייער טענה „מדוע תתנשאו על קהל ה'" ניט אין סתירה צו דעם וואָס זיי אַליין האָבן געוואָלט זיין כהנים — ווייל קרח האָט געוואָלט אַן אַנדער סוג פון כהונה, אַזאַ וואָס האָט ניט קיין פאַרבונד מיט „כל העדה".

ועפ"ד ווי מען געפינט אין קדושה אַז שמאי [24] — מצד קפדנותו [25] — דחפו באמת הבנין [26] און בית שמאי במקום ב"ה אינה משנה [27] ווייל ענינם איז באופן ושם דרך כו' ששוקל דרכיו [28].

ועוד דוגמא: רשב"י וחבריו — וואָס הרבה עשו כרשב"י ולא עלתה בידם [29], און ר"א זיין זון (חבריו), איז אפילו נאָכן דרייצענטן יאָר במערה איז הווי מחי [29*].

און דערמיט איז מוסבר וואָס דער אָנזאָג אויף מתנות כהונה איז בהמשך צו מחלוקת קרח: די מתנות כהונה דריקן אויס די שייכות און פאַרבונד צווישן אידן מיט כהנים — אַז אידן גיבן זייער אייגענטום צו די כהנים (וועלכע זיינען מובדל פון עניני העולם), ד. ה. אַז זיי הויבן אויף זייערע גשמיות'דיקע ענינים, זיי ווערן מתנות כהונה, ביז אַז אויף זיי זאָגט מען „אני חלקך", כנ"ל, זיי גיבן זיי צום אויבערשטן.

דאָס איז אָבער לכאורה ניט מספיק: אמת טאַקע אַז לפועל האָט קרח געקריגט אויף כהונה ובפרט אויף כהונת אהרן, זיין כוונה (וגדר בכהונה) דערביי איז דאָך אָבער געווען אַז עס זאָל זיין אַ שייכות נאָר באופן דהבדלה [30], אָבער עס זאָל ניט זיין קיין חיבור פון „תחתונים", פון וועלט, מיט „עליונים" — קדושה ואלקות, האָט בהתאם לזה לכאורה געדאַרפט זיין דער תיקון אין אַן אופן אַז די ענינים פון וועלט זאָלן אינגאַנצן אַוועקגעגעבן ווערן צום אויבערשטן (אַ פולשטענדיקער חיבור פון עליון ותחתון — אַ זאַך פון וועלט ווערט קדוש לגמרי) — ווי קרבנות וואָס מ'איז מקריב אויפן מזבח פאַר דעם אויבערשטן זיי זיינען אינגאַנצן קדוש — אָבער ניט מתנות כהונה בכלל, וואָס זיינען לאכילת (הנאת) כהנים, און כמה מהם זיינען חולין.

ג. פרשת קרח לייענט מען בכמה שנים אין דער וואָך פון ג' תמוז (אָדער — ווי היינטיקס יאָר — אין דעם טאָג גופא) — דער טאָג וואָס דער רבי דער שווער איז באַפרייט געוואָרן פון תפיסה אין יאָר תרפ"ז [31].

ועפ"י הידוע אַז אַלץ איז בהשגחה פרטית, ובפרט לפי דברי השל"ה [32] אַז

---

24) ששרשו מקו הגבורה (זח"ג רמה, א. וראה הקדמת התניא). וראה זח"א שם. לקו"ת פרשתנו נד, סע"ב ואילך. ובהנסמן בהערה 70.

25) וראה ב"ב (קס, ב) ע"ד כהנים קפדנין. ומבואר במ"א (וראה ביאוה"ז להצ"צ ע' תצא. לקלוי"צ חקת ע' שפט) איך שיכול להיות זה אף שמברכין את בנ"י באהבה, ותלמידיו (וכש"כ בניו) של אהרן: אוהב את הבריות כמאמר הלל והנהגתו (בשבת לא, א).

26) שבת שם.

27) ברכות לו, רע"ב. וש"נ.

28) לקו"ת שה"ש מח, ג.

29) ברכות לה, ב.

*29) שבת לג, ב.

30) ע"ד השייכות דשלילה. וראה זבחים (ג, א) דמינה מחריב בה דלאו מינה לא מחריב בה.

31) פרשת המאסר והגאולה — ראה לקו"ד ליקוט לד־לז.

32) חלק תושב"כ ר"פ וישב.

אַלע מועדים זיינען מרומז אין די פּרשיות וועלכע מ'לייענט אין דעם באַטרעפנדן זמן, איז מובן, אַז דער (תוכן פון) טאָג האָט אַ שייכות צום תוכן פון פ' קרח.

לויטן אויבנדערמאַנטן ביאור אין דעם ענין פון מחלוקת קרח קען מען לכאורה מסביר זיין די שייכות בפשטות:

אַזוי ווי קרח'ן האָט ניט געאַרט דער ענין הכהונה כשלעצמו — דאָס וואָס כהנים זיינען מובדל פון עניני העולם — זיין מחלוקת איז געווען, כנ"ל, אויף דעם וואָס זיי זיינען משפּיע אָט די קדושה צו „כל העדה":

עד"ז איז אויך געווען ביי די וואָס דער רבי האָט געהאַט פון זיי דאָן אַזוי־פיל התנגדות ורדיפות: דאָס וואָס האָט זיי געשטערט (וואָס צוליב דעם האָבן זיי דעם רבי'ן אַרעסטירט) איז געווען ניט זיין עבודה אין תומ"צ פאַר זיך לעצמו ובעצמו, נאָר זיין אַרבעט אין „הרבצת[33] התורה בכל מרחבי מדינתנו" צווישן אַלע אידן וואָס זיינען געווען דעמאָלט אין יענער מדינה.

עד"ז האָט זיין באַפרייאונג ג' תמוז געמיינט, אַז דער אויבערשטער האָט באַוויזן גלוי לעין כל, אַז ער קען ממשיך זיין אין זיין אַרבעט פון הרבצת התורה, בדוגמא צו דעם וואָס דער אויבערשטער האָט אַראָפּגענומען און מבטל געווען דעם ערעור פון קרח דערמיט וואָס ער איז „כותב וחותם לך ומעלה בערכאין" די כהונה פון אהרן.

אָבער לכאורה איז עס ניט בדומה להנ"ל: ג' תמוז איז דאָך נאָך ניט געווען די (פולע) באַפרייאונג פון רבי'ן (מער ניט ווי באַפרייאונג פון תפיסה), וואָרום ער איז דעמאָלט פאַרשיקט געוואָרן אין גלות (אין קאָסטראָמאַ), וואו ער האָט ניט געקענט אָנגיין מיט זיין אַרבעט פאַר הרבצת התורה כדבעי — דאָס איז ערשט געקומען שפּעטער בי"ב־י"ג תמוז (און אויך דעמאָלט זיינען נאָך געווען שוועריקייטן, ביז ער איז אַוועקגעפאָרן פון יענער מדינה)[34].

מוז מען זאָגן, אַז די ענלעכקייט פון דער גאולה פון רבי'ן מיטן ענין פון „כותב וחותם לך ומעלה בערכאין" כהונת אהרן איז פאַרבונדן מיט דעם טייל פון דער גאולה ווי ער איז נאָך געווען (עכ"פ בחיצוניות) אין די הגבלות פון גלות ביי די וואָס האָבן אים אַרעסטירט.

ד. וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדם אַ שאלה פשוטה לכאורה בנוגע צום כללות'דיקן ענין פון מתנות כהונה (ועד"ז במעשר):

מתנות כהונה[35], וואָס אַ איד גיט אַוועק דעם כהן, זיינען נאָר באַשטימטע (גאָר קליינע) חלקים פון אידנ'ס נכסים; אפילו תרומה, חלה וכיו"ב — די זאַכן וואָס מ'דאַרף געבן ראשיתם דעם כהן — האָט דאָס אַ שיעור, ס'דאַרף זיין ראשית (און אפילו מדרבנן איז בתרומה — עין יפה א' מארבעים[36]. ועד"ז בחלה[37]). אָבער ניט אַוועקגעבן זיינע

---

33) במכתב בעל הגאולה לחגיגת ימים אלה — טו סיון תרפ"ח (בסה"מ תרפ"ח ע' קמו — ועתה (תשל"ח) עוה"פ בקונטרס בפ"ע).

34) ראה ספר התולדות אדמו"ר מהוריי"ץ (כפר חב"ד, תשל"ג) ח"ג.

35) כולן מנויות בגמרא וכו' (ב"ק קי, ב. חולין קלג, ב. תוספתא חלה פ"ב. ספרי פרשתנו יח, כ) וברמב"ם ריש הל' בכורים.

36) תרומות פ"ד מ"ג.

37) חלה פ"ב מ"ז. ספרי שלח טו, כא הובא בפרש"י שם, כ.

תבואה איינגאנצן אלס תרומה כו׳, עס דארף זיין „שירי׳ ניכרין״ [38], ועד״ז בנוגע צו מעשר איז דאך דאס נאר — א צענטל פון זיינע פירות און תבואה.

ולכאורה, בשלמא דאס וואס ס׳איז פאראן א שיעור למטה [39], אז מ׳טאר ניט געבן ווייניקער ווי דער שיעור, איז מובן; פארוואס אבער איז דא א שיעור למעלה — אז ער טאר ניט אוועקגעבן און מקדיש זיין פון זיינע נכסים וכיו״ב צום אויבערשטן אלע נכסים (ובכמה מהם — אפילו ניט מערער פונעם שיעור) [40], ביז אז דער רמב״ם פסק׳נט [41] „לעולם לא יקדיש אדם ולא יחרים כל נכסיו והעושה כן עובר על דעת הכתוב כו׳ אלא כל המפזר ממונו במצות אל יפזר יותר מחומש כו׳״.

ה. דער ביאור בכל הנ״ל: עס איז מבואר אין חסידות [42] דער חילוק צווישן כהנים און לוים, אז א כהן איז ענינו איש החסד [42*], און ענינם של לוים איז גבורה. און קרח (וואס איז געווען א לוי) האט מיט זיין מחלוקת אויף כהונת אהרן געוואלט מגביר זיין גבורות אויף חסדים, אז די לוים זאלן זיין אנשטאט די כהנים.

אין עבודת האדם איז דער חילוק צווישן חסד וגבורה: חסד איז ענינו השפעה מלמעלה למטה — „שוב״ אין וועלט, און גבורה איז ענינה העלאה מלמטה למעלה — „רצוא״ (ארויסגיין פון וועלט);

און דער שורש פון טענת קרח איז געווען, אז דער עיקר זאל זיין דער ענין הגבורה, די עבודה פון רצוא ועלי׳.

קרח האט געהאלטן אז תחתונים ווי זיי זיינען אין זייער מציאות זיינען ניט קיין כלים צו אלקות, און דעריבער דארף ביי זיי זיין רצוא — ארויסגיין פון דעם מעמד ומצב פון מטה און עולה זיין צו אלקות.

[ס׳איז קיין סתירה ניט צו דעם וואס ס׳האט זיך גערעדט פריער (ומבואר במ״א [43]) אז די מחלוקת פון קרח איז געווען אויף דעם וואס די כהנים (ובפרט כהן גדול) רופן ארויס ביי אלע אידן די תנועה פון אויפהויבן זיך דורך זייער עבודה למטה אין וועלט [44] — ווארום וויבאלד דאס קומט דורך דער פעולה פון אהרן הכהן איש החסד וואס איז משפיע און ממשיך אלקות מלמעלה למטה אין דעם תחתון ווי ער איז

38) ראה תרומות פ״ד מ״ה. חולין קלו, ב. רמב״ם הל׳ תרומות פ״ג ה״ה (בתרומה). רפ״ה מהל׳ בכורים (חלה). אבל בנוגע לראשית הגז פסק (שם פ״י ה״ח) כמ״ד (חולין שם) שדבריו שאמר כל גזיי ראשית קיימין, גם בבכורים נאמר שיעור מדרבנן אבל הרוצה לעשות כל שדהו בכורים עושהו (בכורים פ״ב מ״ד. רמב״ם שם פ״ב הי״ז).

39) מדרבנן עכ״פ, משא״כ מדאורייתא (ראה רמב״ם רפ״ה מהל׳ תרומות. הל׳ בכורים שם. רפ״ה שם. רפ״י). ולהעיר מהמבואר לעיל ע׳ 179 ואילך שלכמה דיעות יש שיעור בנתינת תרומה, חלה כו׳ גם מדאורייתא. וש״נ.

40) ואמחז״ל שלא לעשר אומדות (אבות א, טז. מנחות נד, ב).

41) סוף הל׳ ערכין וחרמין.

42) בהבא לקמן — ראה אוה״ת פרשתנו ע׳ תרפו. תרצב. אחרי ע׳ תקמא. יהל אור ע׳ קצ. ד״ה כל פטר רחם שם. המשך תער״ב ח״ב ע׳ א׳מג. ועוד. וראה לקו״ת פרשתנו נד, ב ואילך. ספר הליקוטים בערכו (קרח).

42*) זח״ג קמה, ב. (וראה שם קעו, א. רמב, א. ח״א רמד, א). תניא רפ״נ.

43) לקו״ש ח״ח ע׳ 106 ואילך. ע׳ 116 ואילך. וש״נ.

44) וי״ל שהמבואר לעיל בפנים בהטענה של קרח שתחתונים כפי שהם במציאותם אינם כלים לאלקות ולכן צ״ל התנועה דרצוא, הוא הסתעפות והשתל׳ (במדרי׳ נמוכה יותר), מטענתו שיש מעלה בכל העדה שעושים מעניני העולם כלים לאלקות, היינו ההבדלה בין עבודת הכהנים לכל העדה — המבואר בלקו״ש שם (הובא לעיל ס״ב).

במציאותו, טוט ער דעריבער אויף, אז די תנועה פון העלאה ביים אידן איז ניט באופן אז ער גייט ארויס פון מטה, נאר אז דער מטה במצבו ווערט א כלי צו אלקות, וע״ד — כל מעשיך (דיינע מעשים) לשם שמים, בכל דרכיך (דיינע דרכים) דעהו[45].

און מהאי טעמא איז דער אפשלאג און תיקון אויף מחלוקת קרח ניט דורך קרבנות וקדשים, וואס מ׳גיט אוועק אינגאנצן צום אויבערשטן, מ׳איז דאס מקריב אויפן מזבח, נאר דורכן ענין פון מתנות כהונה דוקא:

אין הקרבת הקרבנות (ובכללות דער ענין פון קדשים, וואס א איד איז מקדיש זיינע נכסים להוי׳) זאגט זיך ניט ארויס אז אלס דברים תחתונים גשמיים ווערן זיי א כלי צו אלקות, ווארום די קרבנות גייען דאך ארויס פון חול, פון זייער שייכות צום אדם למטה און ווערן אן ענין קדוש — מ׳איז זיי מקריב אויפן מזבח.

משא״כ בא מתנות כהונה, וואס א מענטש גיט אוועק פון זיין פארמעגען צום כהן[*45] און דער כהן עסט עס און עס ווערט בא עם „למשחה — לגדולה״[46], „כדרך שהמלכים — אויך ניט אידן — אוכלים״[*46], ביז אז כמה פון די מתנות כהונה (וואס זיינען נוהג אויך בחו״ל) בלייבן חולין — דוקא אין דעם איז ניכר ומודגש אז אויך במצבם פון ענינים דלמטה (אלס חולין) זיינען זיי שייך צו אלקות[47].

ו. אבער אויך ביי מתנות כהונה איז נאך ניט מודגש בתכלית ובשלימות, אז אויך דברים תחתונים, ווי זיי זיינען במצב ד„מטה״, ווערן זיי פארבונדן מיט אלקות — ווארום:

א) רוב מתנות כהונה[48], די עשר במקדש וארבע בירושלים, ווערן פריער קודש און ערשט דערנאך קומט דער חיוב פון געבן זיי צום כהן, און די כהנים איז משולחן גבוה קא זכו[49]; אזוי אויך תרומה, בכורים און חלה, איז דאך בא זיי פריער הרמה ונתינה לה׳, און ערשט דערנאך קומט דער געבן עס צום כהן, ווי דער פסוק איז מדגיש בפרשתנו[50] „ראשיתם אשר יתנו לה׳ לך נתתים״, „בכורי כל אשר בארצם אשר יביאו לה׳ לך יהיה״[51], „תתנו לה׳ תרומה״[52], און אפילו בא גזל הגר איז פריער „קנאו השם״ און שפעטער גיט מען דאס צום כהן[53].

ב) אפילו די איבעריקע מתנות — פון[*53] די עשר בגבולין, זיינען זיי דאך זאכן, וואס נאך זייענדיק ברשות ישראל געהערן זיי שוין צום כהן[54] ווי „מתנות״

---

45) אבות פ״ב מי״ב. משלי ג, ו.

*45) הם נכסי כהן — ראה בכורים רפ״ב. מנחות עג, א. ובפרש״י שם. ועוד.

46) פרש״י בפרשתנו יח, ח.

*46) זבחים צא, א. וש״נ.

47) להעיר מסהמ״צ להצ״צ מצות אכילת ק״ק לכהנים, ד״ה והוא עומד עליהם תרס״ג — שאכילת מזבח הו״ע הבירור והעלאה מלמטלמ״ע ואכילת כהנים המשכה מלמעלמ״ט. ראה לקמן בפנים.

48) בהבא לקמן — ראה לקו״ש ח״ה ע׳ 71, וש״נ. ח״ח ע׳ 33 ואילך.

49) ב״ק יג, א. וש״נ.

50) יח, יב (בתרומה).

51) שם, יג (בכורים).

52) שלח טו, כא (בחלה). ושם לפנ״ז יט „תרימו תרומה לה׳״.

53) ב״ק קט, ב. פרש״י נשא ה, ח. משא״כ בפ׳ שופטים (יח, ג־ד) מפורש „וזה יהי׳ משפט הכהנים מאת העם גו׳ ראשית דגנך גו׳ וראשית גז צאנך תתן לו״.

*53) לחלוקה זו בגמ׳ ורמב״ם — גם תרומה וחלה שנזכרו לפנ״ז הם מהעשר בגבולין.

54) ראה שו״ת הרשב״א (ח״א סי׳ יח. אבודרהם שער ג׳ ועוד) דאין מברכין על מתנות כהונה משום דמשולחן גבוה קא זכו ולא משל הבעלים. וראה אנצקלופדי׳ תלמודית ערך ברכת המצות.

זרוע לחיים וקיבה, שדה אחוזה, שדה חרמים [55]

[נוסף לזה, וואס „מתנות" און „שדה אחוזה" [56] ווערן ניט דערמאָנט מפורש בפרשתנו [57]; און „מתנות" — זיינען (ווי חז"ל [58] זאָגן) פֿאַרבונדן מיט מעשה פינחס, וואָס איז געווען שפּעטער [59]]

דעריבער ווערט בהמשך לזה גע־זאָגט אין דער פרשה אויך דער ענין פון מעשר ללוים, וואָס: א) אויך נאָכן אָפּ־שיידן און אָפּגעבן דעם מעשר צום לוי [60] בלייבט דאָס חולין גמורין [61], וואָס „אין בו קדושה כלל" און ס'איז מותר לזרים [62]. ב) ס'איז ניט קיין חלק מסוים וואָס געהערט צום לוי נאָך פאַר דער הפרשה פונעם אידן.

וואָס דאָס איז נאָכמער מדגיש אַז אויך אַ מציאות וואָס איז נאָך חול גמור, „תחתונים" ממש, איז אויך פאַרבונדן מיטן אויבערשטן דערמיט וואָס מ'גיט דאָס צום לוי, וואָס „ה' הוא נחלתו" [63].

ז. איינע פון די טענות מיט וועלכער קרח האָט אָנגעהויבן זיין מחלוקת אויף כהונת אהרן איז געווען: „טלית שכולה תכלת מהו שתהא פטורה מן הציצית" [64]. איז מבואר טענתו אין חסידות [65]: דער ענין פון טלית (לבוש) שכולה תכלת ווייזט אויף בחי' מקיף, און אַן ענין פון מקיף דאַרף אין דעם ניט זיין קיין ציצית (חוטין וואָס ציען זיך פון עם) — המשכה בפנימיות. (און דערמיט האָט ער געוואָלט אַרויסברייינגען זיין מחלוקת אויף כהונת אהרן, ווי עס איז מבואר אין חסידות בארוכה).

אין עבודת ה' בדקות מיינט עס (אויך): בשעת די עבודה פון זיכוך המציאות פון אַ אידן קומט מצד המשכת האור מלמעלה, ניט מצד דעם אדם העובד מלמטלמ"ע — איז כאָטש אַז ער ווערט מיוחד מיט אלקות, וויבאַלד אָבער אַז דאָס קומט מלמעלה, איז דאָס לגבי זיין מציאות אַן ענין פון מקיף — עס פעלט די המשכה בפנימיות, וואָס טוט זיך אויף מצד זיין מציאות.

ועפ"ז י"ל אַז בדקות איז אויך דער ענין פון מעשר נאָך ניט אינגאַנצן מספיק אַלס תיקון אויף מחלוקת קרח, נאָר מ'דאַרף אויך האָבן דעם ענין וואָס מתנות כהונה און מעשר זיינען משפיע למטה, און זיי זיינען מדגיש און ברייינגען אַרויס בנוגע דעם איבעריקן טייל נכסים וואָס בלייבן באַ דעם אידן.

מתנות כהונה (און אַזוי אויך מעשר) כשלעצמם — וויבאַלד אַז אַ איד איז זיי מקיים דערפאַר וואָס זיי זיינען מצוות

55) להעיר מבכורות (לב, סע"א. רמב"ם הל' ערכין וחרמין פ"ו ה"ה) חרמים כל זמן שהן בבית בעלים ה"ה כהקדש לכל דבריהם כו'.

56) שחולין הם — רמב"ם הל' בכורים פ"א ה"ו־ז. וראה בהנסמן בהערה שלפנ"ז.

57) ראה רמב"ן שופטים יח, ג. ושם כי (בפרשתנו) הזכיר כל אשר נתן לו בקודש, אבל הזרוע כו' הן חולין גמורים כו'.

58) ראה חולין קלד, ב. ספרי ופרש"י שופטים יח, ג.

59) וראה רמב"ן שופטים שם. מלבי"ם שם. ועוד.

60) ומש"כ ע"ז (יח, כד) „אשר ירימו לה' תרומה" — ראה פרש"י שם (מספרי) „הכתוב קראו תרומה עד שיפריש ממנו תרומת מעשר". ולהעיר מספרי יח, כא: אף זו קנאה השם כו'.

61) פרש"י פרשתנו יח, ל.

62) רמב"ם הל' מעשר פ"א ה"ב.

63) שופטים יח, ב.

64) במדב"ר פי"ח, ג. תנחומא פרשתנו ב. ועוד.

65) ראה לקו"ת שלח מו, ג. ריש פרשתנו. אוה"ת שלח ע' תקעה ובפרשתנו. ראה ספר הליקוטים להאריז"ל שם. המשך תרס"ו ע' רפ"ג. המשך תער"ב שם (א'מד). ובכ"מ.

ה׳, דערפאַר ווערט דורך זיי ניט אַרויסגעזאָגט בשלימות, אַז אויך דברים גשמיים ווי זיי געפינען זיך אינגאַנצן אין זייער גדר וציור דלמטה, ווערן כלים לאלקות [וכמובן אויך פון דעם וואָס אמחז״ל (אפילו בנוגע צו צדקה) — אַז נאָכן ציווי אויף מעשרות איז עס אַ חלק פון ממון ונכסים וואָס מלכתחילה געהערט עס ניט צו אים, ס׳איז ביי אים בתורת פקדון [66]]

בשעת אָבער די הפרשה ונתינה פון מתנות כהונה ומעשר איז מדגיש, אַז כאָטש די איבערגעבליבענע געהערט צום מענטש, פאַר זיינע הצטרכות׳ן, צו באַנוצן זיך מיט זיי איז עס דערפאַר ווייל דער אויבערשטער האָט זיי אים צוגעטיילט — און דערפאַר גופא ווערן זיי דורך איהם (מטה) אויסגענוצט אַזוי ווי דער אויבערשטער וויל —

דורך דעם דוקא איז ער מגלה אַז אויך דברים גשמיים ממש ווי זיי בלייבן אינ־גאַנצן אַ רכוש פון מענטשן, אין דער בחי׳ פון תחתונים, ווערן בפנימיות אינ־גאַנצן פאַרבונדן מיט אלקות, אין אַן אופן פון „בכל דרכיך דעהו״ [67];

און דורך דעם פירט זיך אויס די שלימות פון „דירה לו ית׳ בתחתונים״ [68].

וי״ל בדרך אפשר — אַז דאָס גופא איז דער טעם וואָס סיי ביי מתנות כהונה סיי באַ מעשר איז דאָ אַ שיעור קצוב, און אַ מענטש טאָר ניט אַוועקגעבן זיינע גאַנצע נכסים — וואָרום די פאַרבונדנ־קייט מיט אלקות אין די נכסים איז אין אַן אַנדער אופן ווי אין די וואָס ער דאַרף אַוועקגעבן; און דעריבער איז חסה התורה על ממונם של ישראל [69] (כדי זיי זאָלן נתברר ווערן אויף זייער ריכטיקן אופן).

ח. אַ מעין ודוגמא צו די דריי ענינים הנ״ל (קדשים ממש, רוב (ועיקר) מתנות כהונה ומעשר, און די נכסים וואָס בלייבן באַ דעם מענטשן) אין מדריגות אין אחדות ה׳ — י״ל, אַז דאָס זיינען: דער ענין פון יחוד הוי׳ אחד מלמטה למעלה, הוי׳ אחד מלמעלה למטה [70], יחוד יחו״ע ויחו״ת [71].

דער ענין פון הוי׳ אחד (בדרך עלי׳) מלמטה למעלה איז, אַז אויך נאָך התהוות העולמות זיינען די עולמות בטל במציאות בתכלית פונקט ווי קודם ההתהוות; ד. ה. אַז נבראים זיינען באמת קיין מציאות ניט און זייער אמת׳ע מציאות איז ווי זיי זיינען למעלה (אין אצילות).

וואָס דאָס רופט אַרויס די עבודה פון פרישות והפשטה פון עניני העולם — חיי (ועבודת) הצדיקים [72] וואָס זיינען מופשט פון ענינים גשמיים.

---

66) ראה ד״ה א״ר שמואל בר נחמני תר״ץ פ״ג (נדפס בסה״מ קונטרסים ח״א קיט, א).

67) עיין תניא ספ״ג.

68) ראה גם לקו״ש ח״ה ע׳ 75 ואילך. ח״כ ע׳ 335.

69) ראה רמב״ם סוף הל׳ ערכין וחרמין (ר״ה כז, א. וש״נ). ולהעיר מכש״ט סי׳ רי״ח. צוואת הריב״ש סי׳ קיט. או״ת להה״מ קא, ד. וראה לקו״ש חי״ז ע׳ 229 ואילך.

70) להעיר מאוה״ת פרשתנו ע׳ תרצז „אבל קרח רצה שישאר ההבדלה וזהו מחלוקת והבדל שאינה לש״ש שלא יתייחדו זו״נ כו׳ אבל שמאי והלל מחלוקת לש״ש יחוד זו״נ רק ביחוד זה יש מלמעלמ״ט ומלמטלמ״ע כו״. וראה שם ד״ה להבין בסופו (ע׳ תשד ואילך).

71) בהבא לקמן — ראה המשך תרס״ו ס״ע קנג ואילך. ע׳ רכח. רמב. תורת שלום ע׳ 51 ואילך. 184 ואילך (וראה שם ע׳ 196 ואילך ב׳ אופנים אלו בעצמות). וראה ד״ה סמוכים לעד פר״ת פ״ב בהגה״ה.

72) ראה אגה״ק סכ״ז בהביאור.

דער צווייטער אופן פון „הוי׳ אחד (בדרך המשכה) מלמעלה למטה״[73] איז ווי אלקות איז מתפשט ומלובש אין יעדער זאך, ד.ה. ס׳איז פאראן א מציאות פון וועלט אבער די מציאות גופא איז אלקות. און די דרגא פון יחוד רופט ארויס אין עבודה (ניט אפצושיידן זיך פון וועלט, נאר אדרבה): צו טאן מיט דברים גשמיים — ער איז נהנה פון דער דבר גשמי, נאר די הנאה איז א הנאה אלקית.

אבער אויך דער יחוד, כאטש ער איז מיט׳ן דבר גשמי, דערהערט ער עס אבער ווי צוויי באזונדערע זאכן שנתאחדו — אלקות און דבר גשמי,

מצד דעם יחוד פון יחו״ע ויחו״ת איז נרגש ווי די מציאות הגשמי און זיין עשי׳ (והנאה) ווערן אן ענין פון אלקות.

ט. ע״פ כהנ״ל קען מען מבאר זיין די שייכות פון ג׳ תמוז דוקא — צו פ׳ קרח:

בי״ב וי״ג תמוז, ווען מ׳האט דעם רבי׳ן אינגאנצן באפרייט, אויך פון גלות קאסטראמא, דריקט זיך ניט אויס בשלימות ווי די ארבעט פון הרבצת התורה והיהדות האט געפועלט אויך אויף די „תחתונים״ וואס האבן אים ארעסטירט, אז אויך זיי זאלן אויף דעם מסכים זיין; ווארום דעמולט איז דאך דער רבי בגילוי ארויס פון זייערע ד׳ אמות (כאטש אז במדינה ההיא בכלל — האבן זיי געטאן קעגן אידן און אידיש־קייט).

דוקא בג׳ תמוז ווען זיי האבן אים פארשיקט אין גלות קאסטראמא, און פארנדיק אהין האט ער (נאך פאר׳ן אנקומען אהין) איינגעארדענט אז מ׳זאל דארטן צונויפקלייבן אינגלאך און מאכן א חדר, פארריכטן די מקוה[74] און געזאגט חסידות דארטן וכו׳[75] —

דוקא אין דעם האט זיך אויסגע־דריקט אז תחתונים ממש, ווי זיי שטייען נאך אין זייער נידעריקסטן ציור (זיי האלטן נאך דעם רבי׳ן בא זיך אין גלות) זיינען „מסכים״ אויף הרבצת התורה והיהדות פון רבי׳ן —

בדוגמא צו שלימות התיקון וואס האט אראפגענומען און מבטל געווען מחלוקת קרח, אז אויך די דברים גשמיים, ווי זיי זיינען אין זייער מציאות פון תחתונים ממש, זיינען זיי בפנימיותם — אלקות.

יו״ד. ע״פ כהנ״ל י״ל, אז די דריי ענינים הנ״ל (וואס האבן מבטל געווען און מתקן געווען מחלוקת קרח) זיינען בכללות מרומז אויך אין דער תורה וואס דער רבי האט געזאגט ארויסגייענדיק פון תפיסה, פארן אפפארן אין קאסט־ראמא[76]:

מיר בעטן, בא השי״ת, יהי ה׳ אלקינו עמנו כאשר הי׳ עם אבותינו אל יעזבנו ואל יטשנו[77] השי״ת זאהל זיין מיט אונז און וועט זיין מיט אונז כאשר. הי׳ עם אבותינו, הגם מיר זיינען דאך ניט גלייך צו אבותינו, וועלכע זיינען געווען בעלי מסירת נפש בפועל ממש צוליעב תורה און מצות וכו׳.

ובהקדים — דלכאורה דארף מען פארשטיין: א) אין לשון הבקשה „יהי ה׳

---

73) ואופן זה הוא במדרי׳ נעלית יותר מאופן הא׳ (המשך שם ע׳ רמב).

74) ראה לקו״ש ח״ד ע׳ 1063.

75) ד״ה גפן ממצרים — נדפס בסה״מ קונטרסים ח״א ע׳ 352.

76) נדפס שם ע׳ 350.

77) מ״א ח, נז.

אלקינו עמנו גו׳״: בשלמא שם הוי׳ וואס מיינט אַז דער אויבערשטער איז הי׳ הוה ויהי׳ (ברגע אחד) [78] — אלקות וואס איז העכער פון האָבן אַ שייכות צו וועלט דאַרף מען נאָכדעם מוסיף זיין און מודיע זיין אַז ער איז „עמנו״; משא״כ שם אלקים וואס זיין טייטש איז אַז ער איז „תקיף ואמיץ אשר לו היכולת בעליונים ובתחתונים״[78], און „אלקינו״ איז דאָך דער פירוש אַז דער אויבערשטער איז כוחנו וחיותנו, ווייזט עס דאָך אַז דער אויבערשטער איז מיט אונז — איז לכאורה ניט נויטיק צו מוסיף זיין דעם וואָרט „עמנו״, אָדער עס האָט געדאַרפט שטיין „יהי ה׳ עמנו״?

ב) „יהי ה״א עמנו״ — איז דאָך שלא בערך מער פון „אל יעזבנו ואל יטשנו״.

ג) דער רבי האָט געזאָגט „הגם מיר זיינען דאָך ניט גלייך צו אבותינו וועלכע זיינען געווען בעלי מסירת נפש בפועל ממש אויף תורה און מצות״ — דלכאורה: ביים רבי׳ן איז דאָך אין יענע זמנים געווען דער ענין פון מסירת נפש בפועל (און אפילו זיצנדיק אין תפיסה ולאח״ז); איז אפילו מ׳זאָל זאָגן אַז מצד דער ענוה פון רבי׳ן האָט ער געהאַלטן אַז זיין מסירת נפש איז ניט גלייך צו דער מסירת נפש פון „אבותינו״, האָט ער אָבער דאָך ניט געדאַרפט דאָס זאָגן אין אַ לשון („הגם מיר זיינען דאָך ניט גלייך צו אבותינו וועלכע זיינען געווען בעלי מסירת נפש בפועל ממש״) וואָס איז שולל אינגאַנצן די מסנ״פ בפועל ממש.

יא. איז דער ביאור אין דעם: דער רבי האָט געוואָלט פועל זיין דעם ענין הגאולה ביי אַלע אידן, ביז אויך ביי די וואָס זיינען נאָר „בשם ישראל יכונה״ [79], און דעריבער האָט ער געבראַכט דוקא דעם לשון הפסוק „יהי הוי׳ אלקינו עמנו״ מיט דער הוספה „הגם מיר זיינען דאָך ניט גלייך צו אבותינו כו׳״ — ד. ה. אַז אויך אַזעלכע אידן וואָס זיינען ניט גלייך צו אבותינו (ביי זיי איז ניטאָ דער ענין המסנ״פ בפועל אויף תומ״צ) זאָל ביי זיי זיין „הוי׳ אלקינו עמנו כאשר הי׳ עם אבותינו״;

ולפי הנ״ל — אַז דער רבי האָט געוואָלט אויפטאָן די גאולה אויך ביי די וואָס זיינען נאָר „בשם ישראל יכונה״, ניט קוקנדיק אויף זייער מַצב אין שמירת התומ״צ — קען מען זאָגן, אַז מיט דער הוספה „הגם מיר זיינען דאָך ניט גלייך צו אבותינו״ האָט דער רבי געמיינט מרמז צו זיין צום פירוש המדרש [80] „וכן שלמה אומר לפני הקב״ה מלך שהוא שוכר פועלים והן עושין מלאכתן יפה ונותן להם שכרן מה שבח יש למלך, ואימתי הוא משובח כשישכור פועלים רעים שאין עושין מלאכתן ונותן להן שכרן וזו היא טובה גדולה וכה״א יהי ה״א עמנו כאשר הי׳ עם אבותינו״ — ד. ה. ער האָט געוואָלט אויפטאָן ענין הגאולה אויך ביי „פועלים רעים״.

יב. ע״פ זה קען מען מסביר זיין, אַז אין דעם ענין פון „יהי ה״א עמנו גו׳״ זיינען דאָ דריי מדריגות (וי״ל שהן — ע״ד ג׳ מדריגות הנ״ל):

א) „הוי׳ (ווערט) אלקינו״ — אַז דער אויבערשטער איז כוחנו וחיותנו, וואָס דאָס ווייזט אַז די גאַנצע מציאות פון

78) טושו״ע (ואדה״ז) או״ח סי׳ נ׳ (ס״ג) — שער היחוה״א פ״ז.

79) מכתב הנ״ל דט״ו סיון. וראה לקו״ש ח״ח ע׳ 329 ואילך, וש״נ.

80) מדרש תהלים כו.

דעם מענטשן און זיין כח וחיות בגלוי — איז אלקות.

ב) „ה' אלקינו עמנו" — דער מענטש איז ווי א זאך פאר זיך, נאר דער אויבערשטער איז „מיט אים"; אבער דאס גופא וואס „אלקינו" איז „עמנו" איז א ראי' אז ער איז פארבונדן מיט אלקות.

ג) „אל יעזבנו ואל יטשנו": כדי אויפצוטאן אויך אין אזעלכע אידן וואס זיינען בבחי' „תחתונים" ממש — בשם ישראל יכונה — וואס עס זעט זיך ביי זיי כלל ניט אן זייער שייכות צו אלקות [81], אז אויך ביי זיי זאל זיין דער ענין הגאולה, האט דער רבי מוסיף געווען „כאשר הי' עם אבותינו הגם מיר זיינען ניט גלייך צו אבותינו כו'" — מיינענדיק צו מרמז זיין אויפן פירוש המדרש כנ"ל [82], און דערמיט האט ער אויפגעטאן אז אויך ביי די „פועלים רעים" זאל זיין עכ"פ דער הרגש פון „אל יעזבנו ואל יטשנו" — אז אויך ווי זיי זיינען אין דעם מצב זאל זיך אנזען אז זיי זיינען ח"ו ניט אפגעזונדערט און פארלאזן פון אויבערשטן.

און אין דעם דוקא דריקט זיך אויס ווי אזוי אויך אזעלכע, וואס זיינען תחתונים אין זייער מציאות הנראית והנגלית זיינען שייך צו אלקות; אז אין וועלכער מדריגה א איד געפינט זיך נאר, איז זיין אמת'ער און פנימיות'דיקע מציאות — אלקות. ובלשון פון רבי'ן [79]: כל איש ישראל (מבלי התחשב עם מצבו הפרטי בשמירת וקיום המצות) לבו תמים עם ה' ותורתו.

און דאס האט געפועלט אויך אויף די „תחתונים" פון וועלט, אפילו אויף די וואס האבן אים ארעסטירט אז אויך במעמדם ומצבם זאלן זיי מסכים זיין צו דער הפצת התורה פון רבי'ן, ביז צו העלפן אין זיין באפרייאונג וגאולה כפשוטה.

יג. וויבאלד אז הימים האלו נזכרים (ביז אז) ונעשים [83] האט יעדערער און אלע — עמנו — די הוראה ונתינת כח פון ג' תמוז אויף ניט נתפעל ווערן פון מניעות ועיכובים אויף הפצת התורה והיהדות, און מ'האט אויך די הבטחה (ווי דער צווייטער אפטייטש אין „יהי" „אל יעזבנו ואל יטשנו") אז עס וועט מקוים ווערן אז „יהי ה' אלקינו עמנו כאשר הי' עם אבותינו אל יעזבנו ואל יטשנו ולכל בנ"י יהי' אור ברוחניות ובגשמיות" [84].

(משיחות ש"פ קרח, ג' תמוז תשכ"ד. י"ט כסלו, תשכ"ה. יום ג' פ' קרח תשל"ז)

---

81) ראה לקו"ש שם.

82) וי"ל שלכן אמר מעלת אבותינו שהם היו „בעלי מסירת נפש בפועל ממש" — אף שאבותינו בכלל מורה על עבודת המוחין (ראה תניא רפ"ג. וראה ד"ה יהי ה"א תשי"א בסופו) — כי ענין המסנ"פ הרי"ז דבר השוה בכאו"א מישראל (ראה תניא פי"ח. ואדרבה מעלה יתירה בדור דעקבתא דמשיחא שמקיימים התומ"צ במסנ"פ — ראה סה"מ קונטרסים ח"א ע' 106 ואילך. סה"מ תשי"א ע' 237. תש"ט ע' 122. ועוד) — וגם זה לא נראה בהם.

83) כידוע פי' האריז"ל אשר כשהם „נזכרים" כדבעי הם „נעשים" (ראה רמ"ז בספר תיקון שובבים. הובא ונתבאר בספר לב דוד (להחיד"א) פכ"ט).

84) סיום לשון כ"ק מו"ח אדמו"ר בשיחתו ג' תמוז הנ"ל.

# חוקת

א. עס שטייט אין מדרש[1] אויפן פסוק „זאת חוקת התורה": „ארבעה דברים יצה"ר משיב עליהן דכתיב בהן חוקה אשת אח וכלאים ושעיר המשתלח ופרה אדומה"[2], וואס ביי די אלע געפינט מען ענינים וואס זיינען העכער פון שכל — דברים והיפוכם[3].

פון דעם אבער וואס שלמה האט געזאגט[4] „על כל אלה עמדתי ופרשה של פרה אדומה חקרתי ושאלתי ופשפשתי אמרתי[4*] אחכמה והיא רחוקה ממני" — אז נאר די פרשה פון פרה אדומה האט ער ניט געקענט משיג זיין, איז מוכח אז דער עיקר ענין החוקה, וואס איז ניט עפ"י שכל — „חוקה חקקתי גזירה גזרתי", איז ביי פרה אדומה דוקא.

לויט דעם, אז „חוקת" הפרה איז אויסגעטיילט פון די אנדערע חוקים, איז פארשטאנדיק וואס ביי פרה אדומה שטייט „זאת חוקת התורה", וואס דער טייטש כפשוטו איז: „זאת" דאס (און ניט קיין אנדערע) איז די „חוקה" פון דער תורה[5], ד. ה. אז אמיתית ענין החוקה פון תורה, וואס איז (לגמרי) ניט בגדר השגה[6] איז ביי פרה אדומה[7].

ב. עפ"ז דארף מען פארשטיין וואס ער זאגט אין מדרש[8] „אמר לו הקב"ה למשה לך אני מגלה טעם פרה", וואס פון דעם איז דאך מוכח אז אויך חוקת הפרה האט א טעם — און וויבאלד אזוי איז דאך קשה: א) פארוואס האט שלמה, וואס אויף אים שטייט[9] „ויחכם מכל האדם", ניט געקענט דערגיין דעם טעם פון פרה אדומה? ב) פארוואס האט משה רבינו ניט מגלה געווען דעם טעם צו אלע אידן אזוי ווי ער האט עס געטאן מיט „פלפולא" דאורייתא[10], אז דער אויבערשטער האט דאס געגעבן נאר צו משה'ן און פונדעסטוועגן „נהג בה טובת עין" און ער האט דאס געגעבן „לישראל"?

---

1) במדב"ר פרשתנו פי"ט, ה. תנחומא כאן ז.

2) וביומא סז, ב: את חוקותי תשמרו דברים שהשטן משיב עליהן ואלו הן אכילת חזיר ולבישת שעטנז וחליצת יבמה וטהרת מצורע ושעיר המשתלח כו'. וראה השינויים בפרש"י תולדות כו, ה. בשלח טו, כו. אחרי יח, ד.

3) וראה במדב"ר שם (רפי"ט. תנחומא ג) ג"כ ד' דוגמאות בעניני טומאה שנמצאו בהם דבר והיפוכו וא' מהם „העוסקין בפרה מתחלה ועד סוף מטמאין בגדים היא גופה מטהרת בגדים אמר הקב"ה חוקה חקקתי כו'".

4) במדב"ר שם, ג (בסופו). תנחומא ו.

4*) קהלת ז, כג.

5) ראה בארוכה לקו"ש ח"ח (ע' 125) שכ"ה גם ע"ד הפשט.

6) ולא מצד הדבר והיפוכו ש„מטהרת את הטמאים ומטמאה את הטהורים"* שהרי בזה: א) שוה הוא לשאר החוקים שבמדרש שם, ב) ה„יצה"ר משיב",

אלא מצד עצם ענין טהרתו כמובן מהמדרש דלקמן הערה 13 וכדלקמן בפנים ס"ז-ח. וראה לקו"ש שם ע"ד הפשט. אבל ראה אוה"ח כאן ד"ה „אשר צוה" בסופו.

7) הפירוש ב„זאת חוקת התורה" דפ' מטות (לא, כא) — ראה לקו"ש שם ע' 183 ואילך. ועפ"י המבואר לקמן בפנים (ס"ז-ח) החוקה דטהרת פרה אדומה, יובן גם שם.

8) במדב"ר שם, ו. תנחומא ח.

9) מ"א ה, יא. וממשיך שם: „מאיתן האזרחי והימן גו'". ובפרש"י שם (מפסיקתא): הימן זה משה.

10) נדרים לח, א.

---

*) וראה לקו"ש שם הערה 17 שע"ד הפשט מובן הוא גם בשכל.